# תורת אביגדור

באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

ספר בראשית נתנדב

**לזכות אברהם יצחק יקותיאל בן אסתר פראדל**

## פרשת וישב

# אלעס וועט ווערן אויפגעשפילט

**פרנס השבוע**

נתנדב ע"י האחים החשובים

ר' נפתלי הירצקא, ר' שרגא יואל, ור' שמעון קלמן בורגער

לע"נ רבי **אליעזר** בן רבי **אלי-הו י-הושע** זצ"ל

**ראש ישיבת אור ישראל**

נלב"ע ט' כסלו תשס"ה לפ"ק

◆◆◆

זיכוי הרבים יעמוד לכל הנדבנים החשובים, ומשתתפים בהדפסה, והפצה, שיזכו לראות רב נחת מכל יוצ"ח ולהתברך בכל מילי דמיטב.



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה**
**ב"ר יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג**
**ע"ה**

הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.


בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער**
**אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלעכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשט

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**


בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש


© Copyright 2021 by: *TorasAvigdor.org*



**Email:** Director@torasavigdor.org | **Telephone:** 347.451.0332
**Address:** 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# פרשת וישב

שנה ג׳

# אלעס וועט ווערן איפגעשפילט

תוכן:

חלק א. ווען ראובן וואלט ווען געוויסט - חלק ב׳. געטוען איז געטוען - חלק ג׳. שטעלט אייך אהער

## חלק א. ווען ראובן וואלט ווען געוויסט

### אפשטעלן די שאיפות

יעדער גערענקט די מעשה פון יוסף הצדיק, דער קליינער ברודער וועלכער האט זיך אוועקגעשטעלט אלס משגיח איבער זיינע עלטערע ברידער, צוריק ברענגענדיג צום טאטן אלעס וואס ער האט געהאלטן אז זיי טוען נישט ריכטיג. און אויב דאס איז נישט געווען גענוג, האט ער אנגעהויבן צו חלומ׳ען איבער ערררייכן הערשאפט איבער זיין פאמיליע. און ער האט נישט געהאלטן זיינע חלומות צו זיך - ער האט געמאכט זיכער צו דערציילן זיינע ברידער איבער זיי.

יעצט, איינער וואס דארשט נאך כבוד, גלאנץ, איז קיינמאל נישט געווען א מענטש וואס דאס אידיש פאלק האט ליב געהאט. דעריבער, ווען די ברידער האבן געזען א יונגען מאן, ספעציעל א יונגערער ברודער, מיט אזא שטארקע גלוסטעניש - "ער חלומ׳ט שוין ווי מיר בוקן זיך צו אים!" - האבן זיי פארשטאנען, אז ער מוז ווערן אפגעשטעלט.

אזא כבוד-דורשטיגער מענטש איז צו מסוכן פאר׳ן עתיד פון כלל ישראל, און זיי האבן נישט געהאט קיין שום אנדערע ברירה נאר פטור צו ווערן פון אים. וואס דען האבן זיי געקענט טוען? זיי האבן נישט געקענט צולאזן דער מסוכן׳דיגער יונג, גלאט אזוי איבערצונעמען די ראלע פון פירערשאפט אין די הייליגע משפחה.

### דער מציל

דאן איז ראובן - יוסף׳ס עלטסטער ברודער - אריינגעשפרונגען צו ראטעווען יוסף׳ס לעבן: "לאמיר נישט פארגיסן זיין בלוט!" -האט ראובן געזאגט. "מיר קענען אים ענדערש אריינווארפן אין א גרוב". לְמַעַן הַצִּיל אֹתוֹ מִיָּדָם לַהֲשִׁיבוֹ אֶל אָבִיו - די תורה זאגט עדות, אז ראובן׳ס פלאן איז געווען צוריקצוקומען שפעטער און ראטעווען יוסף, כדי אים צוריקצוברענגען צו זיין טאטן.

חז"ל זאגן אויף ראובן (במדב"ר יג, יז), **הוא פתח בהצלה תחילה** - ער איז געווען דער וואס האט געהאט דעם קוראזש זיך אנצורופן דער ערשטער. דאס איז דאן געווען אזא גרויסע זאך, אז אסאך יארן שפעטער, ווען כלל ישראל האט געגרינדעט די ערי מקלט, האט מען איינגעשטעלט די ערשטע אין די נחלה פון ראובן. דאס איז געווען אלס שכר, צוליב יענע געוואלדיגע זאך וואס ראובן האט געטוען. מיר זענען שטאלץ מיט אים, ווען מיר לייענען די ווערטער אין אונזער פרשה: און ראובן האט געזאגט, "מיר זאלן אים נישט הרג'ענען".

אבער, די אויגן פון חז"ל האבן דא געזען עפעס אנדערש, וואס איבערראשט אונז ווען מיר הערן עס. דער מדרש מאכט די פאלגענדע הערה איבער דעם אינצידענט (רות רבה ה, ו): "ווען ראובן וואלט געוואוסט, אז דער באשעפער וועט שרייבן דעם אינצידענט אין די תורה, וואלט ער גענומען יוסף אויף זיינע אקסלען, און אים צוריק געטראגן צו יעקב אבינו!"

## דער אומגעשריבענער פסוק

דאס מיינט, אז ראובן וואלט נישט געווען צופרידן בלויז מיט'ן זיך אריינמישן.ווען ער וואלט ווען געוואוסט אז די מעשה וועט שטיין אין די תורה אויף אייביג, וואלט עס אויסגעזען אינגאנצן אנדערש. שבת פרשת וישב וואלט דער בעל קורא געלייענט די פאלגענדע ווערטער פאר'ן גאנצן ציבור: **וַיִּקַּח רְאוּבֵן אֶת יוֹסֵף, שָׂם עַל שִׁכְמוֹ, וַיָּרָץ וַיְבִיאֵהוּ אֶל אָבִיו** - ראובן האט גענומען יוסף, ער האט אים געלייגט אויף זיין אקסל, און ער איז געלאפן און אים געברענגט צו זיין פאטער! עס וואלט געווען גענצליך אן אנדערע מעשה.

שטעלט אייך פאר וואספארא מצב דאס וואלט געווען. ראובן לויפט מיט יוסף אויף זיין אקסל, און די ברידער לויפן מיט אן אימפעט גלייך אונטער אים. ווען זיי קומען נאנט, שלאגט זיי ראובן אפ, כדי צו באשיצן זיין קליינער ברודער. ראובן גייט אין וועג, לויפנדיג און באהאלטנדיג זיך, קומענדיג אלס נענטער צו זייער פאטער יעקב. און אזוי ווערן מיר געהאלטן געשפאנט, ביז ראובן קומט ענדליך אן אהיים. ער לייגט אראפ יוסף ביי די טיר פון טאטן, אויסשרייענדיג, "טאטע! דיין באליבטער זון איז דא!" און יעקב וואלט באגאסן ראובן מיט ברכות, און זיין נאמען וואלט געווען דערמאנט אין די תורה אלס אייביגער העלד.

אוי, ווי מיר וואלטן אפלאדירט, ווען דער בעל קורא לייענט די ווערטער, "און ראובן האט צוריקגעקערט יוסף צו זיין פאטער". מ'וואלט געקלאפט מיט די פיס! מיר וואלטן פשוט געווען ווילד מיט שמחה! ווען דער פסוק וואלט געשטאנען אין די תורה אזוי ווי איך האב עס יעצט דא אראפגעלייגט - און איך בין זיכער אז דער באשעפער וואלט דיקטירט א בעסערער פסוק ווי מיינער - וואלט די גאנצע וועלט ווידערהאלט די מעשה אין אלע בתי מדרשים. ווי גלארנרייך און אויפגעהייטערט וואלט דאס געווען.

## דער איגנארירטער אלבום

חז"ל זאגן אונז אז עס וואלט אזוי געווען, "אויב ראובן וואלט געוואוסט, אז עס וועט ווערן אראפגעשריבן אויף אייביג". עס קומט מיר פאר, ווי ווען דער פאטאגראפיסט קומט צו א חתונה זאל צו כאפן בילדער, און יעדער וואס ווערט פאטאגראפירט פארשטייט, אז די בילדער ווערן דאך אוועקגעלייגט אויף אייביג. א חתונה אלבום איז א ירושה - וואס ווערט ווייטער איבערגעגעבן אז קומענדיגע דורות זאל קענען קוקן דערויף - וואס דעריבער זוכן מענטשן זיך מער צוצושטעלן צום

מאמענט. איינער וועט אפשר קוקן אויפ'ן בילד, קען זיין, אמאל... און ער גלייכט זיך אויס דאס שניפסל; ער ווישט אוועק די ברעקלעך פון זיינע ליפן. די פרויען שרייען, "וואַרט!" און זיי מאכן זיכער אז אלעס קלאפט הונדערט פראצענט.

יעצט, א חתונה אלבום איז למעשה נישט אויף אייביג. פריער אדער שפעטער ווערט עס אפגעדינט. אפילו די כלה אליין פארלירט אינטערעס דערין מערסטנסטייל, און עס קומט ענדליך אן, אין א קעלער פון עפעס אן אור-אייניקל. אין בעסטן פאל, לייגט מען עס ערגעץ אויפ'ן בוידעם ביז דער נעקסטער הויז אייגנטימער טרעפט עס און ווארפט עס ארויס. ווי אלע זכרונות פון אונזער לעבן, די בילדער און די פילע מזכרות וואס האבן אמאל געמיינט אזוי פיל צו אונז, פארלירן צוביסלעך זייער וויכטיגקייט; עס דינט אפ און עס ווערט ארויסגעווארפן.

## דער וויכטיגער אלבום

אבער אינעם פאל פון ראובן, איז עס נישט אזוי געווען. ער האט זיך אוועקגעשטעלט פאר א בילד, וואס מ'וועט האלטן אין איין קוקן דערויף אויף אייביג. אויף אייביג! און נישט נאר וואלט מען געקוקט אויפ'ן בילד, מ'וואלט עס אנאליזירט! עס וואלט געווארן שטודירט דורך הונדערטער טויזנטער חכמים און תלמידים! דורך מיליאנען תינוקות של בית רבן! דורך מיליאנען וואס לערנען די מעשה איבער און איבער זייט די תורה איז געגעבן געווארן! ראובן'ס מעשה פון טראגן זיין קליינער ברודער אויף די אקסלען אים צו ראטעווען, וואלט געווארן איבערגע'חזר'ט מיליאנען מאל, און עס וואלט געבליבן אויף אייביג, ווייל די תורה איז נצחיות!

עס איז אבער נישטא אזא מעשה אין די תורה. אזא פסוק עקזיסטירט נישט. און חז"ל זאגן אונז, אז עס איז נישטא ווייל ראובן האט נישט געוואוסט, אז עס וועט שטיין אין די תורה. ער האט אפשר געוואוסט, אז עס וועט זיין א תורה. אבער אז ער וועט זיין אין די תורה, דאס האט ער נישט געוואוסט. און דעריבער, איז ער נישט געווארן אזוי גרויס ווי ער וואלט געקענט זיין.

**פתח בהצלה תחילה!** ער האט געטוען עפעס געוואלדיג; ער האט געראטעוועט יוסף'ס לעבן. אבער אונזערע חכמים זאגן אונז, אז ווען ראובן וואלט געוואוסט אז דער פאטאגראפיסט נעמט בילדער, אז ער שטעלט זיך אוועק און עס וועט בלייבן אויף אייביג, וואלט ער נאך געטוען א פיל גרעסערע זאך. וואלט ראובן פארשטאנען, אז זיין טאט ווערט אראפגעשריבן פאר די שפעטערע דורות צו לערנען, אויף אייביג, וואס וואלט ערוועקט אין אים א פיל שטארקערע אחריות, וואלט ער זיך צוגעשטעלט צו דעם געוואלדיגן מאמענט.

## א ברייטערער תנ"ך

מיר הערן יעצט גאר א וויכטיגער דערהער, וואס וועט בארירן אונזערע לעבנס, אויב מיר פארשטייען עס גרונטליך. וויבאלד חז"ל זאגן אונז, אז אין דעם פאל דינט ראובן אלס א מוסטער פאר אונז. ס'איז נישט נאר וואס מיר ווייזן אן אויף ראובן און זאגן נאך די ווערטער פון די הייליגע חכמים, איבער ווי אזוי ער האט נישט גענומען אין באטראכט אז ער טוט עפעס וואס וועט ווערן פאראייביגט. זיי ווייזן אן אויף אונז אויך - וואס זיי זאגן וועגן ראובן קען געזאגט ווערן אויף יעדן איינעם פון אונז.

אזוי האט רבי יהושע בן לוי געזאגט ווען ער האט געלערנט וועגן דעם אינצידענט: אמאל, ווען א מענטש האט געטוען א מצוה, האט עס די תורה פארשריבן אויף אייביג; דער נביא האט עס

פארצייכנט אין תנ"ך לזכרון עולם. וואס טוט זיך אבער היינט? ווען א מענטש טוט א גוטע זאך היינט צוטאג, אדער ח"ו פארקערט, ווער פארצייכנט עס? ווי אזוי ווערט דאס פאראייביגט?

רבי יהושע בן לוי ענטפערט אזוי: "עס ווערט נאך אלץ פארצייכנט! אליהו הנביא און מלך המשיח שרייבן די פרטים און הקדוש ברוך הוא שרייבט עס אונטער". דאס מיינט, אז דער תנ"ך וואס מיר האבן אין אונזערע שולן, אין אונזערע ישיבות, איז נאכנישט די גאנצע מעשה. א געוואלדיגער גרויסער תנ"ך האלט אין איין ווערן געשריבן יעדן טאג!

מיר ווייסן אבער, אז דער תנ"ך איז שוין פארזיגלט. עס איז נישטא אזא זאך ווי צולייגן עפעס צו תורה שבכתב. מ'קען אפילו גארנישט צולייגן צו די משנה - די משנה איז שוין אויך פארזיגלט אויף אייביג. שפעטער איז אפילו דער ש"ס געווארן פארזיגלט. מ'קען גארנישט צולייגן צו די גמרא. אויב איר ווילט, קענט איר עפעס צושרייבן אויפ'ן גליון פון די גמרא. אבער אין די גמרא אליין, טאר מען גארנישט טוישן.

## דער נייער פאפולערער ספר

מיט דעם אלעם, זאגט אונז דער מדרש, אז די מעשים פון מענטשן ווערן פארצייכנט אפילו היינט צוטאג, זיי ווערן געשריבן אין געוואלדיגע ספרים וואס וועלן ווערן געלייענט אויף אייביג! נישט אזוי ווי ספרים וואס מענטשן שרייבן היינט צוטאג. היינט צוטאג, דרוקן פילע מענטשן ספרים וואס מ'לייענט נישט מער ווי איין מאל, טייל אפילו דאס אויך נישט. א דרוקער האט מיר אמאל געזאגט, א פרומער דרוקער, אז ער האט פרנסה פון רדיפת הכבוד... דאס איז זיין לעבן. ער לעבט פון דעם וואס מענטשן ווילן ווערן בארימט פאר א קורצע צייט. מענטשן זוכן כבוד, און מ'קומט צו אים אז ער זאל דרוקן זייערע תורות. מ'דרוקט עס איין מאל, די פעטערס, און קרובים פונעם מחבר דארפן עס קויפן, אבער קיינער קוקט נישט אריין דערין. נאך א קורצע צייט פארגעסט מען דערפון.

אבער דעם אויבערשטנ'ס ספר איז גאנץ אנדערש! מיר רעדן דא פון א ספר וואס וועט זיין אויף אייביג. עס וועט ווערן געלייענט אויף אייביג אין עולם הבא. אלעס ווערט פארצייכנט און די נעמען זענען דארט. אונזערע נעמען זענען דארט! ס'איז א ספר! אלעס וואס מיר טוען יעצט וועט זיין אין דער גרויסער תנ"ך וואס אליהו הנביא שרייבט און דער אויבערשטער באשטעטיגט עס. יא, ס'איז אמת, עס וועט נישט זיין אין דער חומש, עס וועט נישט זיין אין די כתבי הקודש, עס איז שוין צו שפעט פאר דעם. אבער דאס איז א ספר וואס דער באשעפער האלט: **וְעַל סִפְרְךָ כֻּלָּם יִכָּתֵבוּ** (תהלים קלט, טז), דו, באשעפער, האסט א ספר וואו יעדער איינער ווערט פארצייכנט.

עס איז פארהאן א געוואלדיגער ספר, אין וועלכער הקב"ה פאראייביגט אלעס וואס איז נאר געשען פון נאך מתן תורה ביז דער סוף פון די וועלט. און די אלע דורות וואס גייען אריין אין גן עדן, וועלן עס לייענען איין מאל און נאכאמאל. דאס לעבן פון יעדן איינציגסטן יחיד וועט זיין א ספר צו לערנען. אבער נישט נאר דאס לעבן בכלליות, נאר יעדע איינציגע זאך ווערט פארצייכנט אין א גרויסער ספר, וואס ווערט געלייענט און די יעצטיגע מינוטן דורך דער גרעסטער ציבור וואס די וועלט האט נאך אמאל געזען.

## א געשריבענע תורה

מיר זענען געוואוינט צו מאכן פון אלעם א משל. נעמט זיך טאקע דער רבונו של עולם די מיה צו שרייבן? דארף ער בכלל אראפשרייבן זאכן? "ס'איז אזא וועג פון רעדן א פארעם פון פאעזיע",

זאגן מענטשן. למעשה, ווערט עס אבער איבערגע'חזר'ט אזוי פיל מאל אין תנ"ך און אין אנדערע ערטער, אז מיר דארפן פארשטיין, אז עס ווערט פאקטיש רעקארדירט. און נישט סתם רעקארדירט נאר טאקע אראפגעשריבן. עס ווערט געשריבן אזוי ווי דער תנ"ך, נישט אין די מאדערנע עברית. די מאדערנע עברית איז א תועבה, ס'איז א פאלשע זאך. דער ספר וועט זיין געשריבן אין לשון הקודש, נישט אין עברית, און עס וועט זיין אן אמת'דיגער ספר.

עס קען זיין גאנץ איבערראשנד - אז אלע אונזערע מעשים וועלן ווערן אראפגעשריבן אין א נייע תנ"ך. אבער לאמיר זיך ארייננשטעלן אין ראובן'ס פלאץ. ראובן האט אויך נישט געטראכט אז זיינע מעשים וועלן שטיין אינעם חומש. וואלט עמיצער געזאגט פאר ראובן, "דו גייסט ווערן פארצייכנט אין די תורה", וואלט עס געווען גאר מאדנע פאר אים.

"ווער בין איך און וואסערע מעשים טוה איך שוין? מיין טאטע - מן הסתם יא.א גרויסע החלטה, יא. דאס וואלט שוין געווען א פארשטענדליכע זאך. אבער דאס איז דאך עפעס וואס איז נאר וויכטיג אויף די מינוט, פונקטליך ווי אזוי צו ראטעווען יוסף פון די ברידער". אז עס וועט ווערן פארשריבן?! ס'איז אים נישט געקומען אין באטראכט! פונקט אזוי ווי מיר טראכטן נישט אזוי! און דאס איז די סיבה פארוואס אונזערע חכמים לערנען אונז טאקע, אז פונקטליך די זעלבע זאך געשעט מיט אונז יעדע מינוט. "נארט זיך נישט!", ווארענען זיי אונז. אלעס וואס מיר טוען, זאגן אדער טראכטן אויף די וועלט, וועט ווייטער אנגיין און עקזיסטירן אויף אייביג.

# חלק ב' - געטוען איז געטוען

## רעקארדירן ווערטער

היינט איז דאס גרינגער צו פארשטיין ווי סיי ווען. נישט אזוי לאנג צוריק, ווען מ'וואלט דיר געזאגט אז מ'וועט אראפכאפן דיינע ווערטער אויף א מאשין און מ'וועט עס דערנאך קענען איבערשפילן, וואלסטו געהאלטן אז יענער טרייבט פון דיר ליצנות. אמאל האט קיינער אפילו נישט גע'חלומ'ט, אז וואס איך רעד יעצט וועט מען שפעטער קענען איבערשפילן.

ווען איך בין געווען אין ישיבה, האבן מיר דאס נישט געהאט. אין סלאבאדקע האבן מיר געהערט הערליכע שיעורים, מוסר שמועסן, פון אנדערהאלבן שעה יעדעס איינע. עס איז געווען מיט אזא שלימות, אזוי פונקטליך יעדעס ווארט און אזוי פיל מיט מחשבה. עס איז אבער גארנישט דא היינט. טייל האט מען טאקע אראפגעשריבן, אבער א גרויסע מערהייט איז פארלוירן געגאנגען. וואלט מען דאן געהאט טעיפ רעקארדערס, וואלט די וועלט היינט געווען רייך מיט א גרויסע מאס פון חכמה.

## א נייע מאשין

אבער דער אמת איז, אז גארנישט איז פארלוירן געגאנגען, עס עקזיסטירט נאך אלץ. איך וועל דאס ערקלערן אין א וועג ווי אזוי מ'קען דאס פארשטיין, אפילו סייענטיפיש. איר ווייסט, לויט ווי מיר פארשטייען קול כוואליעס, מיינען מיר, אז ווען עס קומט אן געבט עס איבער די ווערטער, עס איז געענדיגט, און דערנאך ווערן די כוואליעס צונישט. עס איז אבער נישט אמת. עס איז באקאנט, סייענטיסטן זאגן, אז ענערגיע קען קיינמאל נישט קאליע ווערן, ס'איז נישט מעגליך. אויב געב איך א זעץ דא אויפ'ן טיש, גייט דער זעץ אדורך דער ערד ביז כינע אויף די צווייטע זייט. און כאטש אין כינע וועט מען זיך נישט צופיל דערשרעקן דערפון, עס וועט נישט זיין דערפון אן ערדציטערניש,

אדער אפילו א טרייסל, איז נישט ווייל עס איז פארלוירן געווארן. עס איז נישט פארלוירן געגאנגען, עס האט זיך נאר פונאנדערגעשפרייט. עס ווערט אזוי צעשפרייט, אז ווען עס קומט שוין אן איז עס נישט גענוג שטארק צו מאכן סיי וועלכער רושם. עס בלייבט אבער אויף אייביג.

וואס איז דער קול? קול איז ענערגיע. פונקט ווי ווען מ'געבט א זעץ אויפ'ן טיש, ווערט עס נישט פארלוירן, ווערט א קול כוואליע אויך קיינמאל נישט פארלוירן. וואס געשעט? עס פארשפרייט זיך. עס צענעמט זיך און עס ווערט פארלוירן ערגעצוואו אין די אטמאספערע. אבער עס עקזיסטירט. און דער אמת איז, אז אויב מיר וואלטן געהאט די מעגליכקייטן צוריק צוזאמצונעמען די ענערגיע, און עס צוריקברענגען צום אריגינעלן פלאץ, וואלט מען היינט געקענט הערן וואס מ'האט געזאגט פאר טויזנטער יארן צוריק.

יעצט, איך בין נישט אזא גרויסער חכם, אבער מיר ווייסן אז סייענטיסטן זאגן, אז אלעס וואס מ'האט נאר אמאל געזאגט אין די וועלט, וועט מען קענען איין טאג צוריק ברענגען. עס איז מעגליך אז איין טאג וועלן זיי ערפינדען געוויסע מאשינען, וואס קען צוזאמנעמען אלע קול כוואליעס וואס דרייען זיך אין די אטמאספערע. מעגליך וועט מען קענען דרוקן א קנעפל, וואס וועט מאכן אז אלע צעשפרייטע קול כוואליעס זאלן זיך ווידער צוזאמנעמען, און עס זאל ווידער זיין היינט מיט'ן אריגינעלן קול פונעם רעדנער. מיר האבן נאכנישט אזעלכע ספעציעלע מאשינען וואס קענען דאס טוען, עס איז אבער נישט אזוי רחוק מן השכל זיך פארצושטעלן, אז אזא מאשין קען עקזיסטירן.

צי מיר וועלן אמאל האבן די מעגליכקייט צו ערפינדען אזא מאשין, איז נישט זיכער, אבער הקדוש ברוך הוא קען דאס זיכער טוען. און דער אויבערשטער טוט דאס טאקע. דער באשעפער נעמעט צוזאמען אלע ענערגיע וואס קומען פון רעדן, וואס איז נאר אמאל געזאגט געווארן און צעשפרייט געווארן אין די אטמאספערע, און עס ווערט צוריק צוזאמגעשטעלט, אז מ'זאל עס קענען איבערשפילן.

## א לעבעדיגער שפיל

און ווער וועט הערן די קול כוואליעס ווען השי"ת שפילט עס איבער? די אלע וואס וועלן זוכה זיין צו לעבן אויף יענע וועלט, וועלן זיצן און הערן אלעס וואס מ'האט נאר אמאל געזאגט! אלעס וועט ווערן איבערגע'חזר'ט פאר יעדן איינעם צו קענען הערן. אלע ווערטער פון צדיקים, חסידים, און אלע ווערטער פון כסילים - די נאראנים... גארנישט ווערט פארלוירן!

און נישט נאר די קולות, נאר אלע סצענעס ווערן איבערגעשפילט אויף א ריזיגער סקרין... ממש יעצט אין עולם הבא, זיצן צדיקים און קוקן אויף אן אויג-פארכאפנדע מאווי, להבדיל. וואס זעט מען ביי א מאווי? פאלשע זאכן. די שפילערס טראגן ציין וואס איז נישט אייגענע; מ'לייגט איבער די ציין, נאכגעמאכטע ציין, אז עס זאל אויסזען ווי פונקטליכע גלייכע ציין. מ'טראגט ספעציעלע שייטלען לויט'ן מצב, און דאס פנים ווערט פארשמירט צוצופאסן לויט די סצענע וואס מ'זעט. און די ווערטער וואס מ'זאגט, מיינען גארנישט. בקיצור, ס'איז אלעס שקר - א שפיל! אבער פאר דעם צאלט מען גרויס געלט. קיינער קומט נישט צו זען עפעס וואס איז אמת. פונקט פארקערט, מ'גייט טאקע פארדעם, צו ווערן אפגענארט פון וואס מ'זעט.

אבער דאס איז נישט וואס פאסירט אין עולם הבא. אויף יענע וועלט רעדט מען פון עפעס וואס ווערט פראדוצירט דורכ'ן באשעפער אליין. ס'איז אן אמת'דיגער מאווי! דאס מערסטע אמת'דיג וואס איז נאר שייך. אין עולם הבא, זיצן אלע צדיקים און אלע מלאכים, מיט'ן באשעפער כביכול

אויפ'ן אויבנאן, להבדיל ווי ביי א גרויסער שפיל, און אויפ'ן סטעידזש ווערט אויסגעשפילט א מעשה פון אלע געשעענישן פון די היסטאריע פונעם מענטש! הקב"ה שפילט עס אויס פארנט פון יעדן וואס איז ראוי צו זיצן אין גן עדן. זיי זעען די מעשים פון יעדן מענטש!

## די געוואלדיגע לימודים

דארט לערנט מען נישט נאר וואס שטייט אין חומש; נאר אלעס וואס איז פארגעקומען נאכדעם ווי דער תנ"ך איז געשלאסן געווארן, ווערט דארט אויך געלערנט. ממש יעצט, בשעת מיר רעדן, ווערן אלע מעשים פון יעדן איינעם אויפגעשפילט אויפ'ן סטעידזש, און די אלע וואס זענען זוכה צו עולם הבא, לערנען דאס.

און עס ווערט נישט לאנגווייליג. ס'איז נישט אזוי ווי ווען מיר גייען צו עפעס א מצוה שפיל, לאמיר זאגן ווען מ'מאכט א שפיל פון יוסף מיט די ברידער פאר צדקה צוועקן. מיר האבן אפשר הנאה פונעם שפיל, אבער ענדליך ענדיגט זיך עס און מ'גייט אהיים. אין א געוויסן זין זענען מיר דאנקבאר אז עס איז שוין פארטיג, וויפיל קען מען שוין פארנעמען? אפילו די אינטערעסאנסטע שפיל, נאך א ווײלע האט מען שוין נישט קיין געדולד דערצו.

אבער אין עולם הבא איז עס גאר אנדערש. אין עולם הבא ווערט נישט די שפיל לאנגווייליג. דער עולם זיצט דארט פארגאפט אויפ'ן שפיל. און וואס לענגער עס גייט אן, ווערט עס נאר מער אינטערעסאנט. וויבאלד יעדע איינצלהייט ווערט אדורכגעטוען אפילו מער ווי עס איז מעגליך אויף דער וועלט. אין עולם הבא, ווערט יעדער פרט שטודירט מיט אזא שארפע חריפות און מייסטערהאפטיגע לאגיק, וואס וואלט צעמישט די שארפסטע מוחות אויף די וועלט. געוואלדיגע פלפולים קומען דארט פאר; סיי וועלכע געדאנק, אפילו אונטער'ן באוואוסטזיין, ווערן צענומען און אויסגעשמועסט. ס'איז גאר אן ערנסטע אטמאספערע פון אנאליזירן. יעדע מעשה מיט אלע איינצלהייטן ווערט שטודירט אזוי דורכדרינגליך, אז עס איז נישט שייך מער פון דעם.

## טרויעריגע שפילער

און איך מוז זאגן, אז דאס איז א היפשע אונטערהאלטונג! דאס איז א חלק פון די גרויסע שמחה אין עולם הבא! ס'איז א געוואלדיגע שמחה צו שטודירן און אנאליזירן די מעשים פון די היסטאריע פונעם מענטש, מיט אלע באהאלטענע זאכן אנטפלעקט און קלאר פארשטאנען.

ס'איז אבער נאר שמחה פאר די וואס קוקן צו. נישט אלעמאל איז א שמחה פאר די שפילערס. ווייל ווען ראובן - וואס ער איז דאך דארט צווישן די צוקוקער - ווען די מעשה פון ראובן קומט ארויף איז ער נישט צו צופרידן מיט זיך. יעדער איינער, די צדיקים, נביאים, תנאים, אמוראים, ראשונים און אחרונים, און יעדער וואס קומט נאך זיי, זיצט און שטודירט די מעשה ווי יוסף ווערט געראטעוועט. וַיֹּאמֶר אֲלֵהֶם רְאוּבֵן אַל תִּשְׁפְּכוּ דָם הַשְׁלִיכוּ אֹתוֹ אֶל הַבּוֹר הַזֶּה. און ווען ראובן הערט די ווערטער, לייגט ער זיך אראפ דעם קאפ אין זיינע הענט, און ער טראכט: "אך! ווי שוואכע ווערטער זענען דאס! האב איך נישט געקענט אויפקומען מיט עפעס מער ווי דאס? פארוואס האב איך נישט געכאפט ווען איך האב געהאט די געלעגנהייט, וואס קומט באמת פאר? הלואי ווען איך קען האבן נאך א געלעגנהייט!" עס איז אבער נישטא אזא זאך אויף יענע וועלט. וואס איז געווארן אראפגעשריבן שטייט אזוי אויף אייביג, און עס וועט זיך איבערשפילן אין עולם הבא אויף אייביג.

## די עבירה וואס איז נישט געשען

כמעט יעדער וואס לערנט די מעשה פון דוד און בת שבע, ווייסט וואס חז"ל זאגן (שבת נו.), **כל האומר דוד חטא אינו אלא טועה** - ווער עס זאגט אז דוד האט געטוען אן עבירה - דאס מיינט דער וועג ווי אזוי מיר פארשטייען אן עבירה - מאכט א טעות. דאס איז א טעמע וואס מ'דארף אויסשמועסן אן אנדערס מאל. אבער נישט קיין חילוק וואס עס איז געווען אדער נישט געווען, פאר דוד המלך איז עס געווען עפעס. עס האט געגעבן א תירוץ פאר די שונאים צו קענען קריטיקירן. ס'איז דא איין שווארצער צייכן אויף דוד'ס לעבן, **רַק בִּדְבַר אוּרִיָּה הַחִתִּי** (מלכים א' טו, ה) - נאר מיט די זאך פון אוריה החתי, וואס דאס איז די מעשה פון בת שבע, איז דוד געגאנגען ארויס פון וועג.

פארדעם איז ער געווארן גאר שטארק אויסגע'מוסר'ט דורך דער נביא, וועלכער האט גערעדט אין נאמען פון השי"ת. נתן הנביא האט גע'מוסר'ט דוד מיט שווערע ווערטער, ביז ער האט זיך געבראכן און געזאגט ווידוי; ער האט געבעטן אז דער באשעפער זאל אים פארגעבן. און זיין תשובה איז געווען אזוי געוואלדיג, אז דוד איז געווארן גאר גרויס טאקע צוליב זיין תשובה. און אנשטאט אז דאס זאל ווערן איינס פון טונקעלע זמנים פון זיין לעבן, איז עס למעשה פון די גאר העלדישע מעשים אין היסטאריע.

## דער אוממעקבארער פלעק

אצינד, ווען דוד האט געטוען אזא געוואלדיגע תשובה, וואלט דאך לכאורה שוין אלעס געדארפט זיין ערלעדיגט. אבער דוד האט פארשטאנען אז עס איז נאכנישט געענדיגט. נאכדעם ווי אלעס איז געווען פארטיג, האט דוד אנגעהויבן טראכטן פון די נאכפאלגן. תשובה היינט, תשובה מארגן! דוד האט פארשטאנען, אז וואס ער האט געטוען וועט זיין פארצייכנט אויף אייביג, און עס האט אים מורא'דיג צעטרייסלט. וואס דעריבער האט ער ספעציעל געבעטן דעם באשעפער (יומא פו:), **אל יכתב סורחני** - מיין עולה זאל נישט שטיין אין תנ"ך. דוד האט מתפלל געווען, "לאז אלעס אויס! אפילו מיין תשובה! אפילו אלע גרויסקייטן וואס איך האב באקומען צוליב די תשובה, אריינגערעכנט אלע מזמורים וואס איך האב געשריבן אין תהלים צוליב דעם טעות. אלעס זאל ווערן אויסגעמעקט!"

מיר ווייסן נישט וויפיל טרערן דוד האט פארגאסן אין זיינע תפלות צום אויבערשטן דאס אפצומעקן פון היסטאריע, אבער וויפיל עס איז געווען, איז עס געווען צו שפעט. די מעשה איז אפגעטוען געווארן, און דעריבער האט הקב"ה אנטזאגט זיין בקשה.

ווייסט איר וואספארא ווייטאג דאס איז פאר דוד המלך, ווען מ'לייענט די מעשה פון דוד און בת שבע? מיר רעדן שוין נישט פון די ליצנות פון די גוים און עמי הארצים, וואס לייענען נאר די פשוט'ע ווערטער פון תנ"ך, און ווערן פארפירט פיינט צו האבן דוד אין הארצן. און אודאי די רשעים וואס האבן געניצט דוד אלס א תירוץ, "אויב דוד האט געקענט טוען אזוי און אזוי, פארוואס דארף איך זיין אנדערש?"

## אן אייביגע לעקציע

און וואס איז מיט די אנמוטיגונג וואס דאס איז גורם פאר מאמינים? די מעשה איז געווען ווי א דארן אין אויג פון דאס אידיש פאלק. נישט נאר דוד האט חרטה געהאט אויף וואס ער האט געטוען, יעדער איד זייט דער תנ"ך איז געשריבן געווארן, טוט ווי אז עס איז בכלל געשען אזא זאך. "דוד!

דאס איז אונזער העלד! אונזער בעסטער! דער נעים זמירות ישראל - דער זיסער זינגער, דער מחבר פון ניגונים. דער גרויסער העלד, דער לוחם פאר די תורה, דער פריינט פון אויבערשטן! מיר ווילן נישט לייענען אזא מעשה!"

אבער ניין! די מעשה איז פארצייכנט אין תנ"ך, און עס טרייסלט אויף אייביג. עס איז ווייטער ווי א דארן אין אויג פונעם אידישן פאלק.

יעצט, ווען דוד וואלט געוואוסט פון פריער אז עס וועט ווערן פארצייכנט, וואלטן זאכן געווען אנדערש. ס'איז נישט קיין שאלה, אז דאס קלארקייט, אז יעדע מעשה, אפילו יעדע מחשבה, ווערט רעקארדירט אויף אייביג, וואלט געווען געגנוג פאר אים אז ער זאל זיך אנדערש פירן. מיר זעען דאך אז ער האט נישט געוואלט אז אזעלכע ווערטער זאל געלייענט ווערן דורך די שפעטערדיגע דורות. און דאס איז טאקע א געוואלדיגער מוסר השכל פאר אונז. מ'קען נישט עפעס איבערטוען. עס ווערט געטוען איין מאל און געענדיגט!

# חלק ג' - שטעלט אייך אהער

## לאמיר רעדן פון זיך

יעצט, צו געבן אביסל מער ממשות צו וואס מיר רעדן, וועלן מיר יעצט רעדן וועגן זיך אליין. ס'איז נישט נאר ראובן און דוד; ס'איז נישט נאר די צדיקים פון אלע דורות וועמענ'ס לעבן וועלן זיין אויף אויסשטעלונג. מיר דארפן אנערקענען, אז ווען די צייט וועט קומען, וועלן מיר אויך זיצן דארט אויבן צווישן דעם עולם, און אויפ'ן ריזיגן סקרין אין עולם הבא, וועט זיך איבערשפילן עפיזאדן פון אונזערע לעבנס. יעדער וועט זען אלע אינצידענטן פון דיין לעבן, די קליינע און די גרויסע, אלעס וועט זיך איבערשפילן פאר אלעמען צו זען. די פראגע איז, וואס וועט זיין אונזער רעאקציע דערצו?

בעצם, איז אזא געדאנק גאר ווייט פונעם וועג ווי אזוי מיר טראכטן. אז אלע איינצלהייטן פון אונזער לעבן זאלן זיין אזוי וויכטיג, אזוי פראמינענט?! ראובן פארשטייען מיר. דוד, יא. אבער אונז? עס איז שווער פאר אונזערע מוחות אנצונעמען אז די איינצלהייטן פון אונזער לעבן מיינען אזוי פיל. דער געדאנק איז גאר ווייט פון אונזערע מוחות.

## דו ביסט גאר וויכטיג!

דער אמת איז, אז אנצונעמען אזא געדאנק, פארלאנגט זיך א געוואלדיגער טויש אינעם וועג ווי אזוי מיר באטראכטן דעם מענטש בכלל. אויב מיר ווילן אמת'דיג פארשטיין די זאך פון די תורה, דארף מען פארשטיין א פונדאמענטאלער פרינציפ, וואס פארלאנגט גאר אסאך ערקלערונג. עס קען נישט געטוען ווערן שנעלערהייט, און עס קען אודאי נישט ערלעדיגט ווערן דא היינט ביינאכט. דער אמת איז, אז עס איז אזא ברייטע טעמע, אז עס נעמט א גאנץ לעבן פון ארבעט, דאס גרונטליך צו פארשטיין. מיט דעם אלעם, מוז מען עפעס זאגן דערוועגן, וויבאלד אן דעם, קענען מיר נישט באגרייפן, ווי אזוי דער געדאנק פון **"אילו ידע ראובן** - אויב ראובן וואלט נאר געוואוסט וואס עס ווערן געשריבן", איז נוגע אין אונזערע אייגענע לעבנס.

און וואס איז דער פרינציפ? דאס איז דער פרינציפ פון די וויכטיגקייט פונעם מענטש! נישט פון

די אלגעמיינע מענטשהייט! נאר פון יעדן מענטש! סיי וועלכער מענטש איז גאר וויכטיג! די מעשים פון איין מענטש זענען מער וויכטיג ווי די גאנצע היסטאריע פון אן אימפעריע! און נישט נאר די מעשים פון זיין לעבן, נאר די גרויסקייט פון יעדע איינציגע זאך פון א מענטש, איז וויכטיגער פאר'ן באשעפער, ווי אלע אנדערע זאכן אין היסטאריע.

לאזט דאס זיך גוט איינזאפן! ס'איז אן אויפרייסערישער לימוד! ס'איז שטוינענד! אין די אויגן פון הקב"ה, איז א מענטש דער וויכטיגסטער פון אלעס אין די וועלט, און די קלענסטע מעשה פון סיי וועלכער פון אונז, וועגט איבער די גרעסטע זאך וואס געשעט אין די היסטאריע פון די הימלען. אויב שטערן וואלטן אויפגעריסן און צעגאנגען, אויב ביליאנען טאנען פון זאכן וואלטן צעפאלן אין די ווייטע הימלען, אויב פילע וועלטן וואלטן צוזאמגעקנאקט און צעשמעטערט געווארן אין שטיקער און פשוט פארשוואונדן געווארן, דאס אלעס וואלט גארנישט געווען קעגן איין מעשה פון איין מענטש!

דאס איז איינס פון די פונדאמענטאלע פרינציפן פון די תורה - די גרויסקייט פונעם מענטש! נישט קיין חילוק ווי לאנג מיר וועלן דאס אדורכטוען, און וויפיל מיר זאלן דאס נאר ערקלערן, וועט מען נישט ריכטיג אויפכאפן דאס גרויסקייט פון דעם ענין איבער דאס חשיבות פונעם מענטשהייט. גדלות האדם! צוליב דעם צוועק האט דער אויבערשטער באשאפן דעם מענטש. אז ער זאל טוען מעשים וואס וועלן ווערן שטודירט אויף אייביג.

## שטעלט אייך אהער

יעצט, קענען מיר אביסל בעסער פארשטיין פארוואס יעדע זאך ווערט פאטאגראפירט אויף אייביג. וואס דו טוסט נאר, וועט ווערן פארצייכנט אויף אייביג, וויבאלד עס איז גארנישט דא וואס איז וויכטיגער.

ס'איז נישט עפעס א פאנטאזיע, ס'איז נישט עפעס וואס מ'זאגט נאר סתם אזוי. ס'איז א פאקט אין אונזער לעבן - נאכמער, ס'איז **דער** פאקט פון אונזער לעבן. מיר ווערן פאטאגראפירט אויף אייביג, און עס גייט זיך אפשפילן אין די קומענדיגע וועלט אויף אייביג. און די וואס האבן געקענט פראדוצירן בעסערע רעזולטאטן, וועלן אייביג חרטה האבן, אז זיי האבן געקענט עפעס טוען און זיי האבן נישט. עס וועט זיין א בושה וואס וועט בלייבן אויף אייביג. ס'איז ווי ווען מ'מישט די בלעטער פון א חתונה אלבום, און מ'טרפט איינער וואס מאכט זיך נאריש. איז עס נישט א שאד? דער נארישער פנים וואס יענער שטעלט אהער, וועט בלייבן אויף אייביג אינעם אלבום, און ער קען גארנישט טוען דערצו.

אבער ווען א מענטש ווייסט אז דער קאמערע איז געצילט אויף אים, איז אן אנדערע מעשה. ווען מיר ווייסן אז אלעס וואס מיר טוען איז אויף אייביג. אז ווען מיר זיצן אינדערהיים, ווען מיר גייען אין גאס, נישט קיין חילוק וואס מיר טוען ווערט מען פאטאגראפירט אויף אייביג, דעמאלט וועט דאס שטארק פארלאנגען, אז מיר מוזן זיך צושטעלן דערצו.

## דו האסט אן אוידיענץ

איך האב אייך אמאל געזאגט, אז איך בין געזעסן אויף די באן. נו, ווער קוקט אויף מיר? קיינער נישט. ווען מען גייט אן אז אן אלטער איד זיצט אויף א באן? אבער פלוצלונג האב איך באמערקט אז איך האב אן אוידיענץ. א קליין שווארץ מיידל קוקט אויף מיר. ס'איז נישט געווען קיין גרויסער

אוידיענץ, אבער איך האב מיך אויסגעגליכן און אויפגעזעצט. איך האב דאן געטראכט, "פאר וועמען טוסטו דאס? פאר אזא אוידיענץ?"

דער תירוץ איז, יא! פאר סיי וועלכער אוידיענץ, שטעלן מיר זיך אהער. און ווען מיר ווייסן אז אן אייביגע קאמערע צילט אויף אונז, און גארנישט איז אומוויכטיג, וועלן מיר זיך אנדערש אויפפירן. דאס מיינט, אז אלע אונזערע מעשים דארפן געטוען ווערן אזוי ווי מיר וואלטן געווען שפילערס וואס שטעלן זיך אהער, צו מאכן דעם בעסטן איינדרוק וואס איז נאר מעגליך, אויף אייביג.

מיר דארפן אלעמאל טראכטן וועגן דעם, וויפיל מ'קען נאר. דע מה למעלה ממך - ווייס וואס איז העכער דיר. **עין רואה ואוזן שומעת** (אבות ב, א) - אן אויג וואס הערט און אן אויער וואס זעט. **עין רואה** - מיינט נישט נאר אז עס קוקט אויף דיר, נאר עס פאטאגראפירט! דאס אויג פאטאגראפירט דיך! **אוזן שומעת** - נישט נאר דאס אויער הערט, נאר עס רעקארדירט אלע דיינע ווערטער!

די ווערטער פון די חכמים פון די משנה, זענען נישט דארט סתם אזוי ווייל עס זעט אויס גוט. עס איז דארט אז מיר זאלן אריינטראכטן דערין. אז מיר זאלן אלעמאל געדענקען די גרויסע לעקציע פון, **וכל מעשיך בספר נכתבין** - אז אלע דיינע מעשים ווערן פארשריבן אין א ספר. ס'איז דא א ספר און מיר ווערן רעקארדירט אין דעם ספר.

## א ניי בלעטל

דער אמת איז, אז מיר זענען די וואס שרייבן אונזער אייגענע היסטאריע היינט צוטאג. אזוי זאגט דער חובת הלבבות (שער חשבון הנפש פ"ג), **הימים מגילות** - די טעג פון דיין לעבן זענען בלעטער. יעדן טאג איז א ניי בלעטל. **כתבו בהם** - שרייבט אין די בלעטער **מה שתחפצו שיזכר לכם** - וואס איר ווילט אז מ'זאל געדענקען וועגן אייך.

דאס איז נישט קיין משל, ס'איז נישט עפעס אבי גערעדט. ניין! דו שרייבסט טאקע! דו שרייבסט דיין אייגענע ביאגראפיע! דו נעמסט דיין אייגן בילד! אודאי טוט דאס דער אויבערשטער, אבער דו ביסט דער וואס ברענגט עס צו!

דאס מיינט, אז צומארגנס ווען דו שטייסט אויף, איז א ניי בלעטל אין דיין לעבן. ס'איז א ריין בלעטל, און דעריבער פרוביר דאס בעסטע וואס דו קענסט, דורכ'ן געדענקען אז דאס בלעטל בלייבט אויף אייביג. ווען דו עפנסט דיינע אויגן און דו זאגסט מודה אני, "איך דאנק דיך באשעפער, אז דו האסט מיר צוריקגעגעבן מיין לעבן", און דו זאגסט עס מיט כוונה, דאס איז א גוטער וועג ריכטיג אנצוהייבן א ניי בלעטל.

## דאווענען און עסן

לאמיר זאגן דו גייסט יעצט דאווענען. דאווענען איז א געלעגנהייט צו שרייבן א הערליכער קאפיטל. יאג דיך נישט. **טוב מעט בכוונה מהרבה שלא בכוונה** - א קליין ביסל מיט כוונה איז בעסער ווי אסאך אן כוונה. ווען דו זאגסט עפעס ביים דאווענען מיט פארשטאנד, איז עס א פערל, ס'איז א דיאמאנט. ס'איז אויף דיין קרעדיט אויף אייביג. איין שורה פונעם סידור, אויב דו זאגסט עס מיט טיפע כוונה, איז עס אן אייביגע דערגרייכונג. אזוי וויכטיג איז עס. איין שורה פונעם סידור, אויב דו האסט אינזין וואס דו זאגסט.

און אויב איידער דו גייסט צו די ארבעט, זעצטו דיך אראפ עסן פרישטאג, איז נאך א גלארייכע

געלעגנהייט. עסן איז א נס. פון וואס קומט ברויט? פון וואנעט קומט מילך? פון גארנישט. פון די לופט! ס'איז א נס! האסטו אמאל געטראכט וועגן דעם בשעת דו האסט געגעסן? דאס איז א וועג צו שרייבן היסטאריע. בשעת דו עסט, אנערקענסטו נפלאות הבורא. דו טראכטסט ווי אזוי דאס לייגן ברויט אין דיין מויל, ווערט א חלק פון דיין גוף. א טייל פון דיין האר, פון דיין בארד. יא, דיין בארד איז פון ברויט. דיין הויט, דיינע מוסקלען, דיינע ביינער. "דאס ברויט וואס איך קיי יעצט ווערט מוסקלען און ביינער!" אזוי דארף מען עסן, אריינטראכטנדיג אזעלכע געוואלדיגע מחשבות. און בשעת דו עסט און טראכטסט, שרייבסטו היסטאריע.

און ווען דו ענדיגסט, **ברוך אתה ה'** איך ביק מיך פאר דיר באשעפער **אלקינו מלך העולם הזן את העולם כולו**, און דו טראכסט פון דעם גרויסן נס, אז דער באשעפער שטעלט צו עסן פאר די גאנצע וועלט.

## וויאזוי די רעדסט

סוף טאג ארבעט נאך אלץ דער קאמערע. עס נעמט נאך אלץ בילדער. ווען דו קומסט אהיים, און דיין פרוי געבט דיר נאכטמאל, געדענק צו זאגן אז עס א גוטער נאכטמאל. דו ווילסט אז מ'זאל דאס געדענקען וועגן דיר. עס וועט ווערן פארשריבן, "ער האט געזאגט, יישר כח שרה, ס'איז געווען א גוטער נאכטמאל". אויב דו זאגסט, "ס'איז געווען גאר א גוטער נאכטמאל", וועט דער נאך אייןווארט אויך שטיין. מאך זיכער אז דו טוסט טאקע אזוי, אז עס זאל ווערן אראפגעשריבן.

אויב עמיצער זאגט עפעס וועגן דיר וואס איז נישט געווען שיין, ענטפער נישט צוריק. זאג נישט קיין ווארט, וויבאלד דאס ווארט וואס דו וועסט זאגן, וועט ווערן אראפגעשריבן. דו ווילס נישט אז דאס זאל שטיין אויף דיין בלעטל. **כתבו בהם** - שרייבט אין די בלעטער **מה שתחפצו שיזכר לכם** - נאר וואס וואס דו ווילסט אז מ'זאל געדענקען וועגן דיר.

דער וועג ווי אזוי דו רעדסט צו דיין פרוי, אדער צו דיין מאן. דער וועג ווי אזוי דו רעדסט צו דיינע שכנים. ווי אזוי דו רעדסט אין שול אדער אין ישיבה. וואס דו וועסט נאר זאגן איז ספעציעל וויכטיג. גארנישט וואס דו טוסט איז אומוויכטיג, וויבאלד דו ביסט צו וויכטיג!

## ארבעט ווייטער!

וואס מער דו וועסט שאפן אזא געדאנק אין קאפ, אלץ מער הצלחה'דיג וועסטו לעבן. ווען ראובן וואלט געוואוסט, אז ער ווערט פאטאגראפירט אויף אייביג, וואלט ער אנדערש געטוען. וואלט ער דאס געדענקט, וואלט ער געטוען אזוי פיל מער, כדי צו ווערן דערמאנט אין די תורה אלס א צדיק און א העלד! מ'זאגט אונז דאס, כדי מיר זאלן זיך אפלערנען דערפון, אז מיר זענען דא אויף די וועלט כדי צו שרייבן אונזער אייגענע ביאגראפיעס. ממש יעצט, ווערן מיר אראפגעכאפט. א רעקארדירער ווערט געצילט אויף אונז און כאפט אראפ אלע אונזערע געפילן, אונזערע אויסדרוקן אויף די פנימ'ער, דער קול פון אונזערע שטימעס; און דאס ווערט רעקארדירט אויף אייביג.

דעריבער, ווי ווייט נאר מעגליך, דארפן מיר האלטן אין איין רייניגן אונזערע מוחות, און ארבעטן צו באקומען דאס קלארקייט פון וויסן א גאנצע צייט, אז וואס מיר טוען אין די וועלט ווערט פאטאגראפירט. און וואס מער דו ארבעטסט דערויף, אלץ מער צופרידן וועסטו זיין, ווייל דו ווייסט אז דו טוסט אלעמאל עפעס אויף. גארנישט איז מער אומוויכטיג אין דיין לעבן, וויבאלד וואו דו ביסט נאר, וואס דו טוסט, שרייבסטו וואס דו ווילסט אז מ'זאל געדענקען.

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך**

### שאלה:

**חנוכה הערט מען כסדר וועגן די מסירת נפש פון די חשמונאים. וועלכע מצוה קען מען היינט צוטאג נעמען אויף זיך צו טוען מיט מסירת נפש?**

### תשובה:

ס'איז גראדע א גוטע עצה, צו נעמען אלע מצוות! אבער אויב דו זוכסט פאר איינס, דעמאלט קוקט אין חומש: **ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך** - די מצוה פון ליב האבן השי"ת. די מצוה איז איינס פון די מערסטע נאכגעלאזט פון אלע מצוות - ליב צו האבן השי"ת.

און אויב דו ווילסט גלייך אנהייבן ארבעטן דערויף, נעם דיך טראכטן פון אלע זאכן וואס זענען געשען צו אנדערע מענטשן. עס זענען דא אזוי פיל זאכן וואס זענען געשען צו אנדערע מענטשן, וואס זענען נישט געשען צו דיר.

דו זאלסט ליב האבן השי"ת אז דו האסט קיינמאל נישט געהאט קיין אויג אפעראציע. דאס איז שוין גענוג א סיבה ליב צו האבן השי"ת. דו האסט קיינמאל נישט געהאט קיין אויג אפעראציע?! אן אויג אפעראציע - דו דארפסט גיין מיט א באנדאזש אויף די אויגן פאר וואכן און וואכן. דו קענסט זאגן, "ברוך השם! איך האב דיך ליב באשעפער, אז איך האב קיינמאל נישט געהאט קיין אויג אפעראציע".

טייל מענטשן האבן קיינמאל נישט געהאט קיין צעבראכן ביין. דו דארפסט ליב האבן השי"ת פאר דעם. **שומר כל עצמותיו** - ער האט געהיטן אלע דיינע ביינער - **אחת מהנה לא נשברה** - קיין איינס איז נישט צעבראכן געווארן. האסטו אמאל געטראכט וועגן דעם? דו האסט קיינמאל נישט געהאט קיין צעבראכן ביין אין דיין לעבן?! יא, עס זענען דא מענטשן וואס האבן קיינמאל נישט צעבראכן קיין ביין. און מ'דארף ליב האבן השי"ת פאר דעם.

נעם דיך שוין דערצו; פארברענג נישט קיין צייט. די דאזיגע מצוה פארלאנגט אלעס וואס דו

האסט. דו דארפסט ליב האבן השי"ת **בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך**. אבער אויב דו גייסט דאס נישט טוען, זאלסט אים ליב האבן כאטש אביסל. און ס'איז נישט צו שווער. אויף א קליינעם אופן איז עס זיכער מעגליך. און אודאי, אויב וועסטו כסדר ארבעטן דערויף, וועסטו ווערן מער און מער מומחה.

אויב ביסטו אינטערעסירט אין מסירת נפש, און דו ווילסט טוען איין מצוה בכל נפשך - מיט מסירת נפש, איז עס דאס. און באשליס יעצט, אז ווען דו וועסט זיין 119 יאר 11 חדשים און 29 טעג אלט - דו האסט נאך איין טאג צו לעבן, קענסטו טראכטן, "מיין צייט ענדיגט זיך? איז דאס ריכטיג? איך האב געוואלט לעבן נאך טויזנט יאר! איך דארף שוין פארלאזן די וועלט?! איך האב קיינמאל נישט צוגעזאגט, אז איך וועל אוועקגיין פון די וועלט. איך האב זיך קיינמאל נישט איינגעשריבן ביי די "חברה שטארבערס", פארוואס זאל איך פארלאזן די וועלט? אין יענע מינוט זאלסטו טראכטן, "באשעפער, טראצדעם האב איך דיך ליב. אפילו דו נעמסט מיך יעצט אוועק, האב איך דיך נאך אלץ ליב!"

געדענקט דאס רבותי. ביי די לעצטע מינוט זאלט איר אזוי טראכטן. "באשעפער, דו נעמסט אוועק מיין לעבן, איך האב דיך נאך אלץ ליב". די גמרא זאגט (ברכות נד.), אז בכל נפשך מיינט **אפילו הוא נוטל את נפשך**, אפילו ווען ער נעמט צו דיין לעבן, זאלסטו אים ליב האבן. זאג, "איך האב דיך נאך אלץ ליב". אויב וועסטו אזוי טראכטן איז דאס א געוואלדיגער זכות.

איר זענט גאר מזל'דיג, אויב זענט איר געקומען הערן נאר דאס - ווי אזוי זיך אנצוגרייטן פאר די לעצטע מינוט.

דאווען צום אויבערשטן, אז דו זאלסט זיין ביים פולן זינען אין די לעצטע מינוטן, און גלייך איידער דו געבסט דעם לעצטן אטעם, זאלסטו זאגן, "באשעפער, איך האב דיך ליב!"

אודאי, זאלסטו נישט ווארטן. ווארט נישט; ווארט נישט! חזר דאס כסדר. ס'איז נישט אזוי גרינג ווען א מענטש האלט ביים שטארבן, ליב צו האבן השי"ת. איז ווי לאנג דו ביסט געזונט - דו גייסט אין די גאס און דו אטעמסט פרישע לופט. דו קענסט עסן, און דיין בלוט לויפט דורך די אדערן, דעמאלט זאלסטו דיך אויסלערנען ליב האבן דעם אויבערשטן. ווען דו וועסט כסדר דאס חזר'ן, וועט דיר אין די לעצטע מינוטן זיין גרינגער.

און אין יענע לעצטע מינוט, וועסטו באקומען א זכות גדולה עד לשמים - א געוואלדיגער זכות! און דאס הייסט שטארבן מיט מסירת נפש, מיט א ליבשאפט צום אויבערשטן.





## די שענסטע 'חנוכה מתנה'

פאר אייערע עלטערן, קינדער, אייניקלעך

**תורת אביגדור עה"ת באידיש**

**צו קויפן 10 אדער מער באקומט האלסעיל פרייז 615-680-9029**